ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## קרח

(חלק ב)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# פרשת קרח

א. די היינטיקע סדרה הויבט זיך אָן מיט ויקח קרח, וואו עס ווערט דער־ציילט וועגן דער מחלוקת פון קרח׳ן אויף כהונת אהרן, דערנאָך ווערט דערציילט וועגן מטה אהרן, וואָס דאָס איז אַ באַווייז אויף דער ריכטיקייט פון אהרן׳ס כהונה, דערנאָך רעדט זיך וועגן מתנות כהונה, וואָס דאָס איז אויך שייך דערצו. דער ענין פון מתנות כהונה איז אַז פון יעדער זאַך וואָס מען האָט געהאַט האָט מען געדאַרפט געבן די כהנים, סיי פון אור פנימי, סיי פון אור מקיף; פון אור פנימי אַזוי ווי תרומה וביכורים, און פון אור מקיף אַזוי ווי ראשית הגז, וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט לבושים.

דער פסוק דערקלערט דעם ענין פון מתנות כהונה אַז פון יעדער זאַך דאַרף מען אָפּגעבן דאָס ערשטע צום אוי־בערשטן. וואָרום כהנים איז דאָך הוי׳ הוא נחלתם, זיי האָבן ניט צו טאָן מיט ענינים גשמיים און הוי׳ נחלתם, במילא הייסט דאָס אַז מען האָט דאָס געגעבן צום אויבערשטן, און די כהנים איז משלחן גבוה קאָ זכו[1].

דערפאַר — לויט ווי עס שרייבט דער רמב״ם[2] — איז אויך איצטער פאַ־ראַן אָט דער ענין: בשעת ער גיט עסן צו אַן אָרעמאַן, דאַרף ער אים געבן מן הטוב והמתוק שבשולחנו (פון דאָס בע־סטע און זיסטע פון זיין טיש); בשעת ער טוט אָן אַ נאַקעטן, כי תראה ערום וכיסיתו, דאַרף ער אים געבן מן היפה שבכסותו (די שענסטע פון זיינע קליי־דער); בשעת ער בויט אַ בית תפלה דאַרף ער דאָס בויען נאה מבית ישיבתו (שענער פון זיין דירה), ווי עס שטייט כל חלב להוי׳.

— בכלל רעכנט זיך דער רמב״ם פאַר אַ נגלה־ספר, פונדעסטוועגן האָט ער אין פיל ערטער אַריינגעשטעלט רמזים פון פנימיות התורה, און אַזוי אויך דאָ כאַפּט אָן דער רמב״ם די דריי ענינים פון מזון[3], לבוש און בית —

ד. ה. אַז פון אַלע ענינים וואָס אַ מענטש האָט, פון מזון (שפּייז), פון לבוש (קליידונג) און פון בית (אַ הויז), דאַרף ער אָפּגעבן דערפון דאָס ערשטע און דאָס בעסטע צום כהן שבנפשו פנימה, ד. ה. אויף ענינים פון קדושה, וואָס עני איז דאָס דער נפש האלקית ביי אַ בינוני[4].

וואָס דאָס איז בענין מזון ולבוש, און ביי בית שרייבט דאָך דער רמב״ם בפירוש, בית תפלה, וואָס דאָס איז צום אויבערשטן.

בכדי אַז עס זאָלן זיין די פּרטי ההנהגה אויף אַזאַ אופן, דאַרף זיין

1) ביצה כא, א.

2) סוף הלכות איסורי מזבח.

3) זע ווי אָנגעצייכענט אין מפתח צו לקוטי תורה ערך „מזון״.

4) היפך מהלל וואָס ער איז גומל חסד מיט דער עלובה — תניא פרק כט. זע לקוטי תורה ויקרא מט, א.

די הכנה כללית, וואָס דאָס פּירט דער רמב"ם אויס: הקדיש דבר כו' וכמו שנאמר כל חלב להוי', אַז עס דאַרף זיין די הכנה כללית אַז דער עיקר איז להוי', וואָס דעמאָלט זיינען די פּרטים פון זיינע הנהגות אין זיין מזון לבוש ובית אַזוי אַז דאָס בעסטע גיט ער להכהן שבנפשו פנימה.

און דאָס איז נוגע אויך בגשמיות, וואָרום וויבאַלד עס איז אַן ענין פון מתנות כהונה, איז דאָך פאַראַן די הו־ראה – די מעשה[5] מיט איינעם וואָס האָט געגעבן ווייניקער מעשר וויפל מען האָט גדאַרפט, און לשנה הבאה האָט ער בלויז געהאַט אַזוי פיל וויפל מען האָט גדאַרפט געבן דעם כהן.

ב. אַזוי איז אויך אין זמנים, זיינען דאָך פאַראַן צייטן וואָס אין זיי האָט מען ניט צו טאָן מיט הוויות העולם, וואָס בכלל זיינען דאָס די ערשטע יאָרן פון דעם מענטשן, און פאַראַן צייטן וואָס מען איז פאַרנומען בהוויות העולם. אויך אין משך פון יאָר זיינען פאַראַן די ימי החול וואָס אין זיי איז מען טרוד, און שבתות ומועדים, וואָס אין זיי איז מען ניט פאַרנומען, ובפרט ראש השנה און עשרת ימי תשובה וואָס דעמאָלט איז קירוב המאור אל הניצוץ[6].

דאַרף מען וויסן אַז כל חלב להוי', צום אויבערשטן דאַרף מען אָפּגעבן די ערשטע און די בעסטע צייט. וואָס אין יעדן טאָג גופא איז די בעסטע און רואיקסטע צייט פון דעם מענטשן באַלד ווי ער שטייט אויף, וואָס דעמאָלט איז ביי אים אַ רואיקע קאָפּ, אָט די צייט דאַרף מען אָפּגעבן צום אויבערשטן, ווי עס שטייט[7] ראשית עריסותכם חלה תרי־מו תרומה וגו', האָט געזאָגט כ"ק מו"ח אדמו"ר[7*], ראשית עריסתכם, באַלד ווי אַ איד שטייט אויף פון בעט, תתנו להוי' תרומה, דאַרף ער די צייט אָפּגעבן צום אויבערשטן.

דערפאַר איז בשעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער מדינה – אַמערי־קע – וועגן דעם סדר הלימודים אין ישיבות, האָט זיך דער רבי זייער שטאַרק געשטעלט אַז אינדערפרי זאָלן זיין לימודי קודש דוקא, און לימודי חול זאָלן זיין נאָר נאָך האַלבן טאָג, ווײלע אינדערפרי ווען די קאָפּ איז אויסגערוט איז דאָס די בעסטע צייט, ווי דער פּסק הרמב"ם[8] אַז כל חלב להוי', און ערשט בייטאָג, דעמאָלט קאָן ער זיך עוסק זיין אין וברכך הוי' אלקיך בכל אשר תעשה.

און דער ענין איז נוגע אויך צו בעלי עסק, אַז הגם זייער עסק איז דאָך אין עובדין דחול, דאַרפן זיי וויסן אַז דער עיקר איז תורה ותפלה, און די ערשטע און בעסטע צייט פון טאָג דאַרף מען אָפּגעבן צום אויי־בערשטן. די ערשטע זאַך דאַרף מען דאַווענען, נאָכן דאַווענען דאַרף מען לערנען, ווי דער דין איז אַז מבית הכנסת דאַרף מען גיין לבית המדרש, און דערנאָך ערשט עסן פּת שחרית,

5) תוספות תענית ד"ה עשר תעשר ט, א. תנחומא ראה ו. ילקוט ראה, רמז תתצב.

6) קונטרס העבודה ענדע פרק ה. ספר המאמרים – קונטרסים – ח"א יא, א.

7) במדבר טו, כ.

*7) ספר המאמרים – קונטרסים – שם דף קסה, א.

8) זע הערה 2.

ווי דער צמח צדק פסק׳נט[9] אַז פּת שח־רית איז אחרי התפלה, ומבית הכנסת איז דאָך דער דין אַז מען דאַרף גיין לבית המדרש[10], במילא קומט אויס פּת שחרית נאָכן לערנען, און ערשט דער־נאָך קאָן מען זיך עוסק זיין בדברי הרשות.

מען דאַרף וויסן אַז דער עיקר איז תורה ותפלה, ניט אַז בעיקר זאָל ער ליגן אין עסק, און פרק א׳ שחרית ופרק א׳ ערבית אָפּלערנען נאָר צוליב יוצא זיין פאַר דעם שלחן ערוך, זאָגן די ווערטער און ניט הערן וואָס ער רעדט, ניט מתבונן זיין זיך אין דעם וואָס ער הערט. די בעסטע צייט, די בעסטע כחות, די יגיעת הראש און אַפילו די יגיעת כפיים, דאַרף מען אָפּגעבן אין תורה ותפלה.

אמת טאַקע אַז תרומה דאַרף זיין ראשית ששירי׳ ניכרין[11], וואָס אַזוי איז אויך ביי מעשר אַז דאָס דאַרף זיין אַ צענט חלק, וכפי תקנת אושא איז אַל יבזבז יותר מחומש[12]; איז אויסער דעם וואָס דער אַלטער רבי זאָגט[13] אַז בשעת עס רעדט זיך וועגן הצלה איז לא גרע רפואת הנפש כו׳ וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו, אָבער דאָס איז ניט דער ענין הצדקה, – במילא איז אַפילו ווען דער רוב היום גייט אַוועק אויף עסק און אַ מיעוט אויף תורה ותפלה, אָבער דער מיעוט איז דער עיקר פון כל היום, ובמילא דאַרף ער זיין דער חלב.

און די הכנה כללית צו דעם דאַרף זיין קבלת עול, אַז תיכף ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, זאָל ער זאָגן מודה אני בקבלת עול, און עס זאָל זיין דער אָפּ־לייג אַז כל חלב להוי׳ כנ״ל, און דאָס איז נוגע אויך בגשמיות כנ״ל.

ג. קרח האָט געקריגט אויף אהרן׳ס כהונה, קרח האָט גע׳טענה׳ט אַז מען דאַרף ניט אָפּגעבן כל חלב להכהן ווייל כל העדה כולם קדשים ובתוכם הוי׳ ומדוע תתנשאו[14]. מען טענה׳ט אַז אַפּי־לו בשעת מען איז זיך ניט עוסק בתורה איז אויך אכל בי עשרה שכינתא שריא, וואָס דאָס איז אַפילו בשעת מען איז זיך ניט עוסק בדברי תורה[15], און אַפילו אויב ער איז איינער האָט ער אויך אַ נפש האלקית, און אַפילו אַ קל שבקלים ורשע גמור האָט אַ נשמה, מער ניט וואָס זי איז בבחינת מקיף[16], במילא איז וואו ער גייט גייט ער דאָך אום מיט דער נשמה און מיטן אויבערשטן, במי־לא איז מדוע תתנשאו.

ובפרט אויב ער איז אַ בעל תורה קאָן ער דאָך אַ ודאי טאָן וואָס ער וויל – וואָרום תורה מגינא ומצלא, עבירה מכבה מצוה ואין עבירה מכבה תורה[17]. במילא קאָן ער ריידן כו׳ און די תורה וועט אויף אים מגין זיין.

9) פסקי דינים לאורח חיים סימן פט.

10) שולחן ערוך אדמו״ר הזקן סימן קנה, סעיף א.

11) ערובין לז, ב. פסחים לג, ב. חולין קלו, ב.

12) כתובות נ, א. ערכין כח, א.

13) אגרת התשובה פרק ג.

14) במדבר טז, ג.

15) זע אגרת הקדש סימן כג. ירושלמי עירובין פרק א הלכה י בקרבן העדה ד״ה וכמה. תוספות נדרים ח, א. ואכ״מ.

16) תניא ענדע פרק יא.

17) סוטה כא, א עיין שם.

— עס שטייט אין אַ מאמר חסידות אַז טענת ופלוגתת קרח אַנטקעגן משה ואהרן איז געווען, וואָס זיי האָבן גע׳טענה׳ט אַז וויבאַלד זיי זיינען אַלע נשמות דאצילות, דאַרף מען ניט האָבן דעם תתנשאו. אין די שפּעטערדיקע דו־רות, וואָס נשמות דאצילות זיינען נאָר יחידי סגולה, דאַרף מען האָבן אַ משה רבינו, אָבער דער דור המדבר וואָס ער איז געווען אַ דור דעה[18], ביי די שבעים זקנים איז געווען דער ואצלתי מן הרוח און דורך זיי האָבן דאָס געהאַט די אַלע ששים רבוא אידן מיט די נשמות פּר־טיות, היינט וויבאַלד אַז מען האַלט ביי אצילות — האָבן זיי גע׳טענה׳ט — מדוע תתנשאו, וואָס דאַרף מען גיין העכער.

על דרך זה איז אויך איצטער פאַראַן די טענת קרח (וואָרום אַלע ענינים וואָס זיינען געווען בשעת יציאת מצרים זיי־נען דאָך פאַראַן אויך שפּעטער), וואָס מען טענה׳ט, וויבאַלד אַז ער איז אַ בעל תורה, איז דאָס שוין גענוג, מער דאַרף מען שוין ניט —

אויף דעם זאָגט מען[19], טלית שכולה תכלת איז ווייניק, נאָר מען דאַרף האָבן ציצית דווקא, וואָס איר ענין איז יראה וביטול, ובית שמלא ספרים, ער איז פול מיט תורה, חייב במזוזה, וואָס אין מזוזה זיינען פאַראַן די צוויי פרשיות שמע און והי׳ אם שמוע, וואָס אין פרשת שמע שטייט ואהבת און פרשת והי׳ אם שמוע איז יראה.

און דאָס איז דער ענין המזוזה. אַזוי ווי אַ מזוזה היט די שטוב און אַלץ וואָס אין איר, אַזוי איז בית שמלא ספרים, ער האָט תורה, אָבער אויב ער האָט ניט קיין אהבה ויראה, פעלט עס אין דער תורה, וואָרום אורייתא בלא דחילו ורחימו לא פרחא לעילא[20], בית שמלא ספרים חייב במזוזה, די אהבה ויראה היט אָפּ די תורה, אַז זי זאָל זיין ווי מען דאַרף, שיראתו קודמת לחכמתו[21] — נאָר דע־מאָלט איז חכמתו מתקיימת. וכל האומר אין לו אלא תורה כו׳[22].

ד. דער עונש פון קרח׳ן איז געווען אַז וירדו חיים שאולה. שטייט אויף דעם אַז דער אויפטו אין דעם איז געווען דער צירוף פון שאול מיט חיים. מען געפינט זיך אין שאול תחתית, מען ליגט אין רע און אין עומק רע, און מען מיינט אַז מען לעבט; מען טענה׳ט אַז כולם קדושים, וואָרום ער האָט אַ נשמה, או־מעטום וואו ער איז געפינט ער זיך מיט דעם אויבערשטן (ובתוכם ה׳).

קרח׳ס טענה אַז כולם קדושים איז טאַקע אמת. ווי ער זאָל ניט זיין האָט ער אַ נשמה, און ער האָט תורה, אָבער פונ־דעסטוועגן ליגט ער דאָך אין שאול, וואָרום וואָס איז די פעולה פון דער תורה, בשעת די תורה געפינט זיך אין איין אָרט און ער איז אין אַן אַנדער אָרט.

נאָך מער, ס׳איז דאָך ווי דער אַלטער רבי זאָגט[23], אַז בשעת מען לערנט תורה ניט ווי מען דאַרף, איז

---

18) פסיקתא פרשת פרה פי״ד, ט. לקוטי תורה במדבר לז, ב.

19) ירושלמי סנהדרין פרק י הלכה א. במדבר רבה יח, ג. תנחומא קרח, ב.

20) תיקוני זהר תיקון י געבראַכט אין תניא פרק לט און זע פסחים ג, ב.

21) אבות פרק ג משנה ט.

22) יבמות קט, ב.

23) הלכות תלמוד תורה פרק ד און תניא ענדע פרק לט.

די תורה בגלות אין קליפות, וואָס דאָס איז ווי ער זאָגט אין תניא[24]: כמשל האוחז בראשו של מלך וטומן פניו אין אַן אָרט וואָס איז מלא קיא צואה. און דאָס איז נאָך אַ טייטש אין די ווערטער „חיים שאולה": מען נעמט מיט די תורה, וואָס זי איז חיים, אין שאול תחתית.

די עצה צו דעם איז מתנות כהונה, אָפּגעבן זיין בעסטע צייט און זיינע בעסטע כחות אין תורה ותפלה. סיי פון מזון סיי פון לבוש סיי פון בית, זאָל ער אָפּגעבן די ראשית און די בעסטע צום אויבערשטן, און אַ הכנה כללית אויף דעם – באַלד ווען ער שטייט אויף פון שלאָף זאָל ער זאָגן מודה אַני בקבלת עול.

און דורך דעם ענין פון מתנות כהונה, האָט מען די ברכת כהנים, יברכך וישמרך, בבנים ובממון וכו', און „פרח מטה אהרן", אַז עד מהרה ירוץ דברו[25] – די המשכה ווערט ניט נפסק, זי קומט אַראָפּ למטה; „שקדים", שוקד על הטוב, אין אַלע דברים טובים, אין אַלץ וואָס ער דאַרף בגשמיות וברוח־ניות.

ה. עס איז דאָך געוואָרן אַ מנהג צו מיטנעמען עפּעס אין די שולן. די נקודה פון היינטיקער פּרשה איז דאָך דער ענין פון ויקח קרח, וואָס ער האָט געקריגט אויף כהונת אהרן און האָט גע'טענה'ט אַז כולם קדושים, מען טענה'ט אַז כולם קדושים, יעדער איינער קאָן פּסק'נען וואָס ער וויל, יעדערער איז אַ פּוסק וואָס מען מאָג און וואָס מען טאָר ניט.

דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז געווען קרח'ס שיטה. פון דעם קומט אַרויס אַ מחלוקת ביי זיי אַליין – מחלוקת שאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח ועדתו[26]. עס דאַרף זיין דער ביטול צו די בעלי תורה, צו די וואָס קאָנען פּסק'נען על פי תורה, וואָס זייער פּסק פּועל'ט אויך אויף דער מציאות, כידוע אַז תורה איז אַ בעל הבית אויף מציאות.

אויך דאַרף מען נעמען פון היינטי־קער סדרה דעם ענין וואָס מען האָט גערעדט וועגן מתנות כהונה, ווי דער רמב"ם איז מבאר[27]: „כל חלב להוי'", אַז בשעת ער גיט צו אַן עני, וואָס דאָס גיט ער דעם אויבערשטן, מלוה ה' חונן דל, דאַרף ער געבן מהמובחר, און אַזוי איז בבית תפלה.

ד. ה. אַז דאָס בעסטע פון דער צייט, דאָס בעסטע פון די כחות, דאָס בעסטע פון דעם אַלעם וואָס דער מענטש האָט, וואָס דאָס בעסטע און טייערסטע ביי אַ מענטשן איז דאָך קינדער, דאַרף ער אָפּגעבן די קינדער צום אויבערשטן, און דאָס בעסטע צייט פון די קינדער, וואָס דאָס איז זייערע ערשטע יאָרן.

און דאַן האָט מען די ברכת כהנים, יברכך בבנים ובממון, וישמרך, אַז דאָס געלט זאָל אַוועקגיין אויף געזונטע זאַכן און פריילעכע זאַכן. ווי מען האָט שוין אַמאָל גערעדט אַז מיט האָבן געלט אַליין איז מען נאָך ניט באַוואָרנט – וואָרום בשעת דאָס געלט גייט אַוועק אויף דאָקטוירים איז דאָך גלייכער צו זיין

---

24) ענדע פרק כד.

25) לקוטי תורה במדבר נה, ד.

26) אבות פרק ה משנה יז.

27) זע הערה 2.

געזונט און ניט האָבן די פּאָר דאָלער אויף דאָקטוירים; וישמרך – אַז דאָס זאָל אַוועקגיין אויף געזונטע און פריילעכע זאַכן.

און ער פירט אויס: וישם לך שלום, – לא מצא הקב"ה כלי המחזיק ברכה לישראל אלא השלום[28], אַז אויך ווען דער בכל אשר תעשה, די כלי צו דער ברכה, איז אַ כלי מועט, איז פאַראַן אָבער דער ענין השלום וואָס דאָס איז מחזיק ברכה.

און דערנאָך איז ערשט – ואני אברכם, וואָס תוספתו של הקב"ה מרובה על העיקר[29]. בשעת מען גיט צום אוי־בערשטן מתנות כהונה, ווי די גמרא זאָגט[30] אלקיכם כהן הוא, איז ואני אברכם, וואָס דאָס איז מרובה על העיקר.

אין ואני אברכם איז פאַראַן צוויי פירושים[31]: א) לכהנים, ב) לישראל. ועל פּי הנ"ל: אברכם לכהנים שבנפשו, דאָס הייסט אַ ברכה ברוחניות, ער זאָל האָבן אַ חיות און אַ געשמאַק בלימוד התורה וקיום המצוות, און אַ ברכה לישראל וואָס דאָס איז בכל דרכיך ובגשמיות אין אַלץ וואָס מען דאַרף.

(משיחת ש"פ קרח, תשי"ד)

28) עוקצין פרק ג משנה יב.

29) בראשית רבה סא, ד. תנחומא חיי שרה י. חנוך לנער קרוב לסופו.

30) סנהדרין לט, א.

31) חולין מט, א.